STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10840

MONISH

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּרץ

מאָניש

די דריי ברידער

דריי נייטאָרינס

פּאָלקס־מאָטיוו

מיין נישט

שטוטגאַרט 1947

יצחק לייבוש פרץ

געבוירן אין זאמאשטש דעם 18טן מיי 1852

געשטארבן אין ווארשע דעם 3טן אפריל 1915

ח אָ נ י ש :

צו וואָס איז אונדזער לעבן גלייך?
צו אַ טייך!
און די מענטשן — צו די פיש!

ס׳וואַסער איז געזונט און פריש,
וואָלט׳מיר שווימען אָן אַן עק;
שטעלט דער שוואַרצער זיך אַוועק,
ווי אַ פישער אויפן ברעג — —

שטייט דער שטן אויפן לאַנד
מיט דער ווענדקע אין דער האַנט —
כאַפּט די פיש.

אויף אַ ווערעמל נישט קיין ריינס —
אויף אַ תאווהלע אַ קליינס,
תענוג אויף אַן אויגנבליק . . .
אָנגעצויגן, שוין דער שטריק.

אין דער לופטן קוים אַ טרעסל,
ס׳פּליט דער העכט שוין צונעם קעסל
אויפן פייער פון גיהנום . . .
און געפּרעגלט און געבראָטן . . .

און — ימח שמו — מ׳קען אים
און מ׳ווייסט : ס׳איז מעשה־שטן

און ס'גערא̈ט'ם,
ווייל דא̇ס ווערעמל ציט און ציט . . .

כ'זינג דערביי אויך א̇ ליד!
לייגט די אויערן צו און הערט!

ס'איז געווען אמא̇ל א̇ן עילוי —
כ'ווייס נישט ווען און וואו אפילו,
גא̇ר אין פוילן, און, אפנים,
אין דער גוטער אלטער צייט . . .
און ביי גוטע פרומע לייט:

פרום דער טא̇טע,
פרום די מא̇מע;
די משפחה —
לומדים סא̇מע,
און זיי שמען
אויף דער וועלט,
און מבינים גרויסע זא̇גן:
זיי וועט אלע איבעריא̇גן
מא̇ניש — אונדזער העלד . . .

צ'ינד אינגאנצן
זיבן, אכט!
און א̇ מתמיד —
טא̇ג, ווי נא̇כט!

תורה זא̇פט ער ווי א̇ שווא̇ם;
און א̇ קעפל — ווי א̇ בליץ,

צי אַרויף — צום העכסטן שפּיץ,
צי אַראָפּ — אין טיפסטן תהום!
ווי אַ וואַסער זופט ער ט"ז;
מעג דער רמב"ם זיין, ווי האַרב,
טרעפט ער באַלד אַריין אין קאַרב,
און אַ בקי שווין אין ש"ס...

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט:
שוואַרצע לאָקן, ווי די נאַכט;
רויטע ליפּלעך — רויזן צוויי,
שוואַרצע ברעמען, ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן, —
און דאָס פּייערל אין זיי!

אַנצוקוקן איז אַ פרייד
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס, —
אַז דער שיינער מאַניש גייט...

די יונגע רביצין אין חדר,
זיצט אַ גאַנצן טאָג כסדר,
קוקט אויף מאַנישן און קוועלט —
אויפן קוימען לויפט און ברענט,
און זי זיצט פאַרלייגט די הענט,
הערט, מכלומרשט, ווי מען קנעלט...

און דער שכנה — שיינער אַדל
פאַלט פון האַנט אַרויס די נאָדל, —
לאָזט זיך אונדזער מאַניש הערן!

פּרעסט זאָס הערצל מיטן הענטל,
דריקט דאָס אויערל צו צום ווענטל,
און עס קייקלען זיך די טרערן . . .

אָבער ריין, ווי גאָלד, איז מאָניש,
פון דעם אַלעם ווייסט ער גאָר ניש׳ !
וואָס האָט אונדזער מאָניש האָלד ?
ער האָט ליב אַ בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו אַ סברא . . .
„שור שנגח את הפרה״ !
אַז מען שמועסט, אַ גאָלד . . .

און אין יענער צייט
האָט מאָניש אַלס עילוי געשמט !
קומען לומדים פון דער פרעמד
און רבנים פון נאָענט און ווייט
דעם עילוי פאַרהערן
אַ נייער שטערן !
עס טאַנצן פאַר שמחה די זילבערנע בערד, —
וואויל דער מאַמען, וואָס האָט׳ס געטראָגן,
וואויל דעם טאַטן, וואויל איז דעם אָרט !
כ׳גיב עס איבער וואָרט אין וואָרט,
נאָר וואָס אַרט זאָגן ?

געלעבט האָבן דעמאָלט
די אַלטע באַלעבאַטים, —
מעשענע ברילן,
זילבערנע בתים,
גאָלדענע עטרות,

אייזערנע מוחות . . .
אַנדערע יאָרן,
אַנדערע כוחות . . .

אין בית־המדרש —
קעפּ אויף קעפּ;
מ׳לערנט ׳אין הייזל,
אויף די טרעפּ,

ס׳ווערט פאַר חצות
קיין ליכט פאַרלאָשן —
אַ פּראָשבע — אַ רענדל,
תורה מ׳גראָשן!

הויכע בערג פאַראַן אַ סך,
נאָר אַרט פון תנ״ך
מיט די שנייען אויפן קאַרק
איז אַן אויסטערלישער באַרג;

אויף זיין רוקן, ווי באַשריבן,
איז די תיבה שטיין געבליבן
נאָכן מבול. און מען הערט,
ווי זיין ליבער נאָמען שווערט
אייביק לעבן פאַר דער ערד . . .

„רצחע, מענטשל, גנבע, מסר,
כ׳וועל נישט טאָפּיען דיך אין וואַסער:
איך פאַרשטעל מיר בעסער ד׳אויגן״ . . .

נ'הענגט אַרויס אַ פּיילנבויגן
אויפֿן הימל לזכרון . . .

אַמאָל איז געווען, אַ פּעקל מיט יאָרן, —
עס זיצט נאָך די תיבה טיף אין שנייען,
און עס לעבן דאָרט אין צווייען
ס"ם און לילית — מאַן און ווייב,
צוליב דער קעלט און צייט־פאַרטרייב,
פֿון גיהנום גאַנץ פאַרבאָרגן,
נישט אַ ליבער טעט־אַ־טעט?

איין מאָל פֿרימאָרגן
סמאָל ליגט נאָך און רויכערט אין בעט,
לילית מאכט טואַלעט
געגן דעם צוהר*), —
עס קלינגט אין טויער:
„הערײַן!"
באַווייזט זיך, דערשראָקן, אַ שד,
קלאַפּט מיט די ציין,
פֿאַלט מיטן פּנים און צאַפּלט אויף דר'ערד:

— „אָ, קעניג מיין,
האָסט פאַר דער וועלט
דיין פּנים פאַרשטעלט;
האָסט גאָרנישט געהערט,
גאָרנישט געזען . . .
און ציינד איז שוין שפּעט, עס ציטערט דיין טראָן".

*) אייגענטלעך, אַ פענצטער; לויט לעגענדע, אַ טייערער שטיין, וואָס האָט באַלויכטן די תיבה!

ס'ם שפּרינגט אויף: „הער באַראָן,
וואָס איז געשען?"

— „אין קעניגרייך פּוילן
האַרט ביי דער גרענעץ,
שטייט זיך אַ שטעטל
גרויס, ווי אַ גענעץ.

(כ'רעד נישט פון מקום!)
הערט מען עס זעלטן, —
הייזלעך, ווי ניטלעך;
שמות — געצעלטן!

דרייען זיך יידלעך
אָרום ווי די מתים;
מ'האָט קיין פּרנסה,
מ'לעבט פון תעניתים.

אָן האַנדל, אָן וואַנדל
האָט תורה אַ קיום,
מ'פּאַשעט למדנים,
ס'וואַקסן עילוים . . .

וואַקסט צינד אַ פּרי,
ווערט עס פאַרשעמען
פּוילן און ליטע,
פרייסן און בעמען . . .



ווען ער אויסוואַקסן,
לאָזסטו אים פריי,
זע'מיר פאַרפאַלן,
ביסטו פאַרביי!

מיט אייזערנע ריטער
וועט ער אונדז דרעשן;
און וועט אין גיהנום
ס'פייער פאַרלעשן!

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן חאָס,
ברענגען משיחן,
חלילה וחס!"

ווי ס'ם האָט די ווערטער דערהערט,
איז אים די שמחה געוואָרן געשטערט,
פלאַמען אים אויף די אויגן רויט,
און ער שוויצט מיט טייוולס קויט,
ווי אַ קעסל אויפגעברויזט,
לויפט צו לילית מיט דער פויסט...

— „זי איז שולדיק, זי אליין!"

— „די גום איז האַרט,
נאַר, מיין מאַן, וואַרט
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין...
נצחון איז זיס;
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אליין!"

ענטפערט לילית און פארשווינדט
אויף די פליגל פון א ווינט. —

טרא־רא־רא, טראך!
וואס איז געשען?
האט נישט ווער ערגעץ
משיחן געזען?

ווען בלאזט מען שופר?
אלול, נישט תמוז!
צי איז משוגע
געווארן דער שמש?

ס׳בלאזט טראמפייט,
ס׳קנאלט און קנאקט,
אן עקסטרא פאסט
קומט אן פון טראקט!

בלאזט די טראמפייט,
קנאקט צו די בייטש,
שטייט מען מיט אפענע
מיילער: וואס טייטש?

וואס טייטש?
געקומען פון דאנציק א דייטש;
האנדלט מיט ווייצן, האנדלט מיט קארן,
ס׳איז אינעם שטעטל א מחיה געווארן,
איינמאל א קונה! איינמאל א צאלער!
ס׳בליצן די רענדלעך, ס׳בלאנקען די טאלער!

פון פּאַרשום אַ רעגן!
פּאַרלייגן די פּויערים מיט פורן די וועגן,
האַנדלען בטלנים,
שוחטים, דיינים,
מען לויפט, מען קויפט און פאַרשיקט . . .
גאָט האָט דאָס שטעטל מיט איינמאָל באַגליקט.

און ס'איז געקומען אַ גאָלדענע צייט,
מ'טראָגט אין דער וואָכן אַטלאַס און זייד —
חתונות מאַכט מען טאָג־טעגלעך כסדר,
באַוואָרפן די שניידער מיט חתונה־קליידער!

עס זיינען אָן הענט שוין די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן, די שטאַנגען צעריבן.
מ'האָט שוין פון בדחן קיין כוח צו לאַכן,
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט, הבדלות צו מאַכן.

מ'האָט מיט איינמאָל פאַרגעסן די נויט:
ווער נעמט עס אין מויל, מ'באַקט נישט קיין ברויט!
ס'ווערן געגעסן נאָר לעקעך און פלאָדן,
און משקה — צום באָדן!

האָט דער דייטש זיך מיטגעבראַכט
איין איינציק טעכטערל — אַ פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פיס,
אויגלעך העלע, ווי די שטערן,
און אַ קול — אַ פרייד צו הערן!
האָניק — זיס,
און אין סאַמעט איינגעהילט!

רעדט זי, גלייך אַ פידל שפּילט!
לאַכט זי — אַ קאַסקאַדע פרייד!
און דער טרעגער אונטער דער לאַסט,
און אין קלויז, דער פרוש, וואָס פאַסט,
נאָר מ'לאַכט, קינד און קייט!
דאָך דער עיקר איז דאָס לידל,
ס'רעדט אַ פידל, ס'זינגט אַ פידל . . .
עס ווערט אַזוי זיס, ס'ווערט אַזוי באַנג . . .

מאַניש לערנט שוין לאַנג אין קלויז,
און טאָג אויף טאָג פאַרביי דעם הויז
מיט זאַנג און קלאַנג
גייט ער אין דער קלויז אַריין,
און ער שטעלט זיך אָפּ אין טויער,
זאַפּט די לידער איין אין אויער.
און ס'פאַרשיכורט אים ווי וויין, —
(אַ זינדיקן מענטשן, עפר ואפר!)
נעמט דערנאָכדעם זיך צום ספר,
שווימען די זעלבע ניגונים אַרויס,
זינגט זיי שטונדן אויפן זייגער,
און עס הערט פאַרבליפט די קלויז:
נישט קיין וואָלאַך, נישט קיין שטייגער,
און עס ציט די קליי אַרויס . . .

אַ חבר קוקט,
זעט ער, מאַניש זיצט פאַרצאַגט,
און פאַרציטערט, ווי אין פיבער,
און אַ שטערן בלאַס, ווי קרייד,
און פאַרקוקט ערגעץ ווייט

פֿון פֿענצטער אַרויס, פֿון ספֿר אַריבער.
— „אױ, וואָס איז דיר, מאַניש, זאָג?"
און אַזוי טאָג אויף טאָג,
טאָג אויף טאָג!
זעט די מוטער ווי מאַניש פֿאַרשווינדט:
— „וואָס איז דיר, מײַן קינד?
ווער האָט פֿאַרלאָשן, וואָס פֿאַר אַ ווינט,
די אויגעלעך דײַנע, די שײַנע הבדלות?
וואו האָסטו גענומען ניגונים — יללות?

פֿלעגסט דאָך זינגען גאָר אַנדערע זאַכן,
ס'פֿלעגט דאָך פֿאַר תּענוג ס'האַרץ אין מיר לאַכן
בײַם חזן אין שול, צי שבת בײַם טיש;
ווי אַ פֿויגל פֿרײַ, ווי אַ גלעקל פֿריש,
הײַנט — עפּעס אַנדערש זינגט פֿון דיר אַרויס,
וואָס איז דיר, מײַן קינד, דער מאַמען זאָג אויס!
עס שרעקט זיך די מאַמע דײַן!"

— „ווייס איך דען, מאַמע, וואָס ס'זינגט אין מיר?
כ'וויל גאָרנישט זינגען, עס זינגט זיך אַליין!
ס'פֿליען די קולות, ווי פֿייגל פֿון נעסט . . .
און אַזוי זינגט זיך, אַזוי ווי דו זעסט!"

און אין מקום איז געווען
פֿון קדמונים אַ מפּולת:
(כ'וויל נישט נעמען אויף משקולת, —
פֿון אַ קלויסטער, צי אַ שלאָס;
כ'גיב עס איבער אות באות,
כ'האָב עס אין אַ בוך געלעזן . . .)

וואוינען לצים אין דער חורבה,
און מ'קרייט דאָרט און מ'לאַכט,
און זיי בילן, און זיי מיאַוטשען,
און זיי שרעקן נאַכט אויף נאַכט.

וואַרפן שטיינער פון די לעכער,
איבער הייזער, איבער דעכער,
און אויפן דאַך
גייט אויף דער וואַך
אַרום אַ הונט, קודלאַטע, ווילד,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געבילט,
נאָר געשטשירעט מיט די ציין . .
מילא, ציטערט הויט און ביין,
יידן און, להבדיל, קריסטן,
ווייכן לאַנג די גאַנצע גאַס,
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן,
שטייען הייזלעך פּוסטע-פּאַס!
קומט די נאַכט, באַווייזט זיך מאַניש
אין די שאָטן פון די ווענט . . .
און ער שלייכט זיך צו דער חורבה,
מיט די לאַצן אין די הענט —
אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זייט אַ שלעכטער,
און מיט טרערן אין די אויגן
גייט דער גוטער אין דער רעכטער.

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אינעם רעכטן אויער אַריין:
„האָב אויף דיר אַליין רחמנות,

זאָלסט פאַר גאָט נישט זינדיק זיין.
דען די וועלט האָט ער באַשאַפן,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר'ערד!
און די אַלע שבעים אומות,
וועלכע לעבן אויף דער שווערד!
נאָר א תמצית פון די פעלקער
האָט ער יידן אויסגעצויגן,
און זעקס הונדערט דרייצן מצוות
אָפגעמאָסטן, אָפגעוואויגן!
און וועט די היטער פון זיין תורה
מיט ש"י עולמות פאַרגעלטן —
זאָג זשע, בחור, איז א דייטשקע
ווערט אַזוי פיל שיינע וועלטן?"

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אויער אריין:
„וועסט דערנאָכדעם תשובה טון,
און ער וועט דיר מוחל זיין!
האָט דען ראובן נישט געזינדיקט,
אָדער דוד מיט בת שבע?
און זיי לויכטן אין גן־עדן!
ווייל ער'האָט א גוטע טבע —
און א ליאַדע קרום, א טרער,
אין א ווינטער־טאָג א תענית,
און א קרעכץ: איך וועל נישט מער,
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות"...

הערט ער, מאַניש, די מלאכים,
און דער ישוב דויערט נישט לאַנג.

זי באַוויזט זיך שוין אין פענצטער,
און עס כישופט איר געזאַנג.

קוים געהערט און קוים געזען,
און ער פליט שוין פייל פון בויגן . . .
בלייבט דער גוטער מלאך שטיין
מיט די טרערן אין די אויגן . . .

און אין חורבה ברענט די ליבע;
פלעדער-מייז און שפינען הערן
זייער זינגען, זייער לאַכן,
זייער קושן, זייער שווערן!

זי פאַרלאַנגט, ער זאָל איר שווערן,
אַז עס איז קיין ליידיק פלוישן,
אַז ער וועט זי נישט פאַרגעסן,
אויף אַ צווייטער נישט פאַרטוישן.

און ער שווערט איר ביי זיין רבין,
ביי דעם טאַטן, ביי דער מאַמען
און ביי אַלע נאָך צוזאַמען! . . .
— „זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!"
און זי שעפּטשעט: „ווייניק, ווייניק!"
און ער שווערט איר ביי די פאות,

ביי די ציצית, ביי די תפילין,
אַלץ פאַרברענגטער און פאַרשייטער,
און זי שמייכלט און זי בעט זיך:
„שווער נאָך ווייטער, שווער נאָך ווייטער!

ווייל אַ בחור קאָן פאַרפירן,
קען פאַרגעסן,״ — האָט זי מורא . . .
און ער שווערט איר ביים פּרוכת,
ביים פּרוכת, ביי דער תּורה . . .

און זי רופט אַלץ: „העכער, העכער!״
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן,
און זי כישופט מיט די ליפּלעך,
און די אויגעלעך — זיי גלאַנצן,

און זיי פליסן לויטער כישוף,
און ער האָט קיין לאַנגן ישוב,
שווערט ביים שופר של משיח,
„העכער, העכער!״ ביז ער האָט
דעם נאָמען גאָט . . .
פון זינדיקן מויל אַרויסגעזאָגט —

פון דער הויך אַ דונער שלאָגט!
פון גיהנום — אַ געלעכטער —
און פון שוועבל גייט אַ ריח,
און ער פליט שוין, פייל פון בויגן,
אויף אַ בעזעם אין דער הויך! .

אויפן באַרג אַררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפּילדער,
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תּיבה,
און אַ שרעקלעכער, אַ ווילדער!

און ציגיינער פון גיהנום,
צען קאפעלן מוזיצירן,
און שאמפאניער — ווי וואסער,
און די רוחות קאנקאנירן.

לאמפן — טויזנט פעמער סמאלע!
די רשעים זיינען קנויטן,
גיט ארום אן עקסטרא שמש
מיט א שערל צו די צויטן!

און די קעניגין איז לילית,
אין די אויגן האט זי בליצן,
טראגט סמאל די לאנגע
שלעפע מיט בראבאנדער שפיצן . . .

אן דער זייט פון תיבה־טויער,
ביי דעם לעפל פונעם אויער
אנגעשלאגן, מאניש שטייט . . .
ס'פייער ברענט . . . די שפיז איז גרייט . . .

די צוויי ברידער:

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערנע פיסלעך אַ הייזל אין טאָל,
געשטאַנען זיך איינפאַך, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענצטער אַ פּיצלס, נאָר חנעוודיק האָלד!
די זון זי באַשיט עס טאָג-טעגלעך מיט גאָלד!
לבנה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שייבן.

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט:
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט!
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטריי.
שווער איז די אַרבעט, נאָר כ'אַרבעט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבל, מיט קליינעם דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז צוזאַמען — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשרן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַוויזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל!

די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך רייכטום פֿאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמער מאַן,
כ׳פֿאַרקויף אים, וואָס גיט?
כ׳וואָלט אויפֿן יריד
געקויפֿט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס׳טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופֿט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „איי, ברודער, וואָלסטו נאָר געוואָלט,
שיטסטו דיר אָן פֿעסער פֿול גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מ׳קען נאָר באַקומען פֿאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאַס:
פֿאַראַן אַזאַ סוד,
איך קען דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
„ווי גאַט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט;
ניי פֿרעג׳ן: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
די לײדנשאַפֿט פֿלאַמט שוין אין עלטערנס אויג:
קרײַלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
קוקט ער צום וואַלד,
און נגבעט זיך באַלד
פֿון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פֿאַרגאָלדט נאָך די זוים
פֿון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים

זיצן שויןביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט און וואונדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפן די טראָפּן! . . . ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

„ס'טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
מיינסטו, דו נאַר, עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסט'ן און האַלדזט'ן; דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושסט אים די טרערן פון ד'אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז טריפן! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טרער, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט, —
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דיין ברודער אַן אײדעלע פעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאָפּ נאַר און צאָפּ!
זאָל ער נאַר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבײלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד,
די אויגן — זיי ברענען און זיימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ;
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאַר מאַכן אַ פּרואוו,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נאַר טרערן און שווייס,
זיינען דאָך בריליאַנטן, בריליאַנטן!"

עס הערט די לבנה נאָך ד'אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אײנעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאַטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס ווייכט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטיק, דער צווייטער —
פאַר שרעק;
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאַס, דיאַס, דיאַס, דיאַס
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

דריי נייטאָרינס:

די אויגן רויט, די ליפּן בלאַ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס — —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

. . . .

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס . . .
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:



אַן אלמן כאַטש, אַן אַלטן ייד.
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

. . . .

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאָר גראָע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק!
אַן אַ חופּה, אַן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

. . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך . . .
און ער — האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עס, פאַרגעסן וואָס אַמאָל! . . .
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

פאלקס־מאטיוו:

שטיינערנע פאלאצן
אייזערנע באלקאנען,
טרעפ פון ווייסן מארמאר,
גאלדענע סאלאנען.

קריסטאלענע זשיראנדאלן
בלאנקען דורך די שויבן . . .
דארט וועט מיין געליבטער
זיך א כלה קלויבן.

זיך א כלה קלויבן,
שענער און געזינטער . . .
און איך וועל דא פוילן,
ווי א בלאט אום ווינטער . . .

מ י י ן נ י ש ט:

מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע — באשאפן
מאכן א וועג מיט פויסטן און נעגל
צום שענק פאס, און פרעסן און זויפן, ווען אנדערע
קוקן פון ווייטן מיט גלעזערנע אויגן
פארחלשט, און שלינגען דאס שפייעכץ און ציען
צוזאמען דעם מאגן, וואס וואַרפט זיך אין קרעמפן! —
א, מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע!

מיין נישט, די וועלט איז אַ בערזע — באַשאַפֿן,
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפֿן ביי אָרעמע מיידלעך די בושה,
ביי פֿרויען די מילך פֿון די בריסטן, ביי מענער
דעם מאַרך פֿון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפֿן וואַקסענעם פּנים — —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז אַ בערזע!

מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפֿן
פֿאַר וועלף און פֿאַר פֿוקסן, פֿאַר רויב און פֿאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פֿאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זען!
דער נעפּל — מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פֿאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד איז צו זאַפּן דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פֿאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פֿונק און קיין אויג נישט פֿאַרלאָשן!
פֿון טרערן ווערן טייכן, פֿון טייכן ווערן ימים,
פֿון ימים — אַ מבול, פֿון פֿונקען — אַ דונער —
אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!